ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

תשפ"ג

313

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט?.................................א

וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, ווִי אַזוֹי דַארְף אִיךְ רֶעאַגִירְן?........................ב

ווִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז דִי שִׁידוּךְ קוּמְט אָן?...............................ד

וָואס טוּ אִיךְ אַז דִי מַאמֶע זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפִירְן דִי קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁן וֶועג? ..........ח

ווִי אַזוֹי שָׁאקְלְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן נַייעֶס, צַייטוּנְגֶען, אוּן בְּלַאגְס? ..................... יא

וָואס טוּט מֶען וֶועט מֶען אַרְבֶּעט מִיט לֵצִים וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן צַדִיקִים?..............יד

מֶעג אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן רְשׁוּת פוּן מַיין וַוייבּ?.................. טז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

פוּן דַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק......................................................א

וָואס אִיז מַיין טַאלַאנְט אוֹיף וָואס אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?...........................ב

מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער ......................ג

נָאכ'ן אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם טֶעבְּלֶעט וֶועסְטוּ זֶען ווִי דוּ וֶועְרסְט מֶער גֶעזוּנְט.............ד

דַאוֶוען נָאר אִין שׁוּל, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער ...............................ד

בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט ...........ה

מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.......................................ו

הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אִיז הַיינְט דִי אוּרִים וְתוּמִים.........................................ו

בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זֶענֶען מִיר הַיינְט פְרוּמֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן .............ז

גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן אַ בִּיטֶערֶער מֶענְטְשׁ .............ט

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמְט צוּ יֶעדְן בְּרִית, אוּן מֶען קֶען פוּעֶל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.......................י'
מֶען טָאר נִישְׁט פָארְן שְׁנֶעל, אוּן נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דְרֵייוְון.............יב
אַזוֹי גֵייט עֶס, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי זַאכְן זָאלְן זִיךְ רוּקְן.................................יג
עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לִינְדֶען נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי ........................טו
עֶרְקְלֶערְן פַאר דִי וָואס קוֹיפְן אַ הוֹיז, וִוי אַזוֹי זַאכְן אַרְבֶּעטְן ........................טז
אַ חַיוּת אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל ........................................................................יז
פִירְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ .................................יח
אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל אִיז צַייט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הַארְץ ......................יט
יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל טוּן הֲפָצָה, יֶעדֶער לוֹיט זַיין בְּחִינָה אוּן לוֹיט זַיינֶע כֹּחוֹת ..........כא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וויסְן אוֹיבּ מֶען קֶען שׁוֹין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין מֶער פוּן אֵיין טָאג אוֹיף אַמָאל. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ מֶער צַייט זוּנְטָאג, קֶען אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בִּיז שְׁלִישִׁי אָדֶער רְבִיעִי? אָדֶער מוּז עֶס דַוְקָא זַיין זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי אוּן מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וויסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**שׁוֹין דָא דִי פְרַאגֶע אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב** (חֵלֶק יט, ב׳ תצא)**, מֶען פְּרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיבּ מֶען מֶעג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ עֶנְטְפֶערְט:**

**דֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט טַאקֶע מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען מִקְרָא בַּיינַאכְט, אָבֶּער אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אוֹיבּ מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה מִיט רַשִׁ״י - קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ טוּן בַּיינַאכְט.**

**וואוֹיל אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי**

פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה צְוֵויי מָאל יֶעדֶע פָּסוּק חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל יֶעדֶע פָּסוּק תַּרְגּוּם - וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים רפה, ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילֵךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין טוּן דֶעם מִצְוָה, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) אַז דֶער גְרָ"א הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אוּן דָאס גֶעעֶנְדִיגְט עֶרֶב שַׁבָּת; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען פוּן פָארְאוֹיס, זוּנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, מָאנְטָאג בִּיז רְבִיעִי.

ווארויל אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, וֶועט עֶר וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, וִוי אַזוֹי דַארְף אִיךְ רֶעאַגִירְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן חִיזוּק, מַיין מַאמֶע אִיז נֶעבֶּעךְ קְרַאנְק מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה, אוּן מַיין טַאטֶע רֵייכֶערְט דְרָאגְס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּצוּקוּקְן. זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי וַוייט עֶס שַׁאדְט פַאר מִיר, וַוייל אִיךְ וַוייז עֶס נִישְׁט אַרוֹיס,

אָבֶער זַייעֶר אַסַאךְ מָאל בַּיינַאכְט וֵוין אִיךְ אִין בֶּעט, עֶס אִיז מִיר זַייעֶר שְׁוֶוער. אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן אִין אַזַא צַייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן טֶבַע, אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין נָאכְן גְזֵירָה - קֶען מֶען מִיט תְּפִלָּה אוֹיסְ'פּוֹעֵלְ'ן אַ רְפוּאָה.

בַּיים רֶבִּי'ן הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען רֶבִּי שִׁמְעוֹן דֶעם רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד - צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן: "מַיין קִינְד אִיז קְרַאנְק, דֶער רֶבִּי זָאל אָנְוואוּנְטְשְׁן דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק"; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט פְּרוּבִּירְט בֶּעטְן נָאכְאַמָאל: "דֶער רֶבִּי זָאל וואוּנְטְשְׁן אַז דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ וַוייטֶער נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט. רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַהֵיים זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט מִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט".

רֶבִּי שִׁמְעוֹנְ'ס וַוייבּ אִיז זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרַאכְטְן פוּן אוֹיפְגֶעבְּן, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ צַדֶּיקֶת. זִי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, הֶעלְף דָאס קִינְד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט נֶעבְּן דֶעם קִינְד, גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען מִיטְן רֶבִּינְ׳ס מִנְיָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַארְן קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען עֶס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אַ גְזֵירָה אַז דָאס קִינְד מוּז שְׁטַארְבְּן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי גְזֵירָה אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן, דַיין וַוייבּ הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן זִי הָאט מִיט אִירֶע תְּפִילוֹת גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן פַארְן קִינְד".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין מַאמֶע זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע; עֶס אִיז נִישְׁט דַיין גֶעשֶׁעפְט וָואס דַיין טַאטֶע טוּט, דוּ זַיי שְׁטַארְק בַּיי דִיר מִיט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, נָאר בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווִי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז דִי שִׁידוּךְ קוּמְט אָן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאזָארְגְט, אִיךְ וֶוער שׁוֹין בַּאלְד צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט אוּן שִׁידוּכִים הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּגֵיין פוּן טִישׁ. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין אַזוֹי. אִיךְ פִּיל צֶעבְּרָאכְן אוּן אַלֵיינְס, אוּן בִּכְלַל ווִיל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ צְוָואנְצִיג יָאר פַארְן חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן מֶער, דִי נִסְיוֹנוֹת צֶערַייסְן מִיךְ, אִיךְ פַאל אַ גַאנְצְן צַייט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, אִיךְ בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַ גַאנְצְן צַייט אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ אוּן גָארְנִישְׁט קוּמְט נִישְׁט, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף קְדוּשָׁה, אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁנֶעל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק; עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ, מֶען דַארְף נָאר וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט זִיךְ פַארְשַׁאפְן דֶעם סֵפֶר "מְצִיאַת הַזִּיווּג" פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זָאלְסְט טוּן דִי סְגוּלוֹת אוּן זָאגְן דִי תְּפִילוֹת.

דִי עֶרְשְׁטֶע סְגוּלָה אִיז זָאגְן יֶעדְן טָאג קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף, דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, אוּן נָאכְן זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג; עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְן וְכוּ' וְכוּ'".**

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף קִידּוּשׁ לְבָנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ב): "קִדּוּשׁ לְבָנָה סְגֻלָּה שֶׁיִּמְצָא אָדָם אֶת זִוּוּגוֹ", וֶועם עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ - זָאל זָאגְן קִידּוּשׁ לְבָנָה, אוּן נָאךְ קִידּוּשׁ לְבָנָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ לְבָנָה.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג, אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט; דוּ טְרַאכְטְסְט כָּל מִינֵי מַחְשָׁבוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין... אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי בְּלַייבְּן... וֶוער וֶועט מִיךְ נֶעמֶען?' אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְרַאכְט

גוט און וואַרט אויס פאַר דיין יְשׁוּעָה. דו טו וָואס דו האָסט צו טון, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן און זַיי מְקַיֵּים אַלֶע עֵצוֹת וָואס עֶר זָאגְט, וֶועסְטוּ בְּוַדַּאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

דָא הָאסְטוּ אַ הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה פון מוֹהֲרַא"ש, אִיבֶּער גֶעזֶעצְט אין אִידִישׁ. זָאג דָאס יֶעדְן טָאג, די תְּפִלָּה שְׁנַיידְט אַרַיין אִין הַארְץ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צו טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צו הָאבְּן שְׁנֶעל און גְרִינְג און נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צו זַיין, און אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶועז אַזוֹי וואוּיל און עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דו זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם און צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, און הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן און רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת און אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוּיל און עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פון מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צו הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט און אִיךְ וַוארְט און אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, און דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

די חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פון עֲבֵירוֹת, און דו זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פון עֲבֵירוֹת, און אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג די שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין און וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פון דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריגְקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [און אִין זְכוּת פון רַבֵּנוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.**

*

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

...

**וָואס טוּ אִיךְ אַז דִי מַאמֶע זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפִירְן דִי קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁן וֶועג?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין זוּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו]. אֵיידֶער עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אַסַאךְ מָאל אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס גֶעעֶנְטְפֶערְט, יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן מִיר נָאכְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אַ בְּרִיוו, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צוּ לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן? אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ שְׁלָאג זִיךְ מִיטְן שָׂטָן אַלֵיינְס אוּן דֶער שָׂטָן הַאלְט בַּיים גֶעוִוינֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן אַז זֵייעֶר מַאמֶע גֶעבְּט זֵיי צוּ עֶסְן חָלָב עַכּוּ"ם, פְלֵייש פוּן דִי רַבָּנוּת הָרָאשִׁית, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. יֶעצְט נֶעמְט זִי זֵיי צוּ אַן אוֹיסְגֶעמִישְׁטֶע וַואסֶער בְּרֶעג רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי פְרֵיילִיךְ, קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶע טַאטֶע, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט זַיי מְחַנֵךְ, דוּ לֶערְנְסְט זֵיי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - זָאל דָאס צוּגֵיין מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. אִין דַיין פַאל אִיז דָאס זֵייעֶר וויכְטִיג, וַוייל אַז דִי מַאמֶע וֶועט זֵיי אַלֶעס גֶעבְּן אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דֶער וָואס זָאגְט אוֹיף אַלֶעס ׳אָסוּר׳ - וֶועלְן זֵיי עֶנְדֶערְשׁ וֶועלְן גֵיין צוּ דִי מַאמֶע ווִי צוּ דִיר, זֵיי וֶועלְן שְׁפִּירְן בַּיי דִיר אַייִנְגֶעצוֹימְט, אוּן אַז זֵיי וֶועלְן זֶען בַּיי דִיר אַן עֶכְטֶע פְרֵייד - וֶועלְן זֵיי נָאר צוּ דִיר זִיךְ קְלֶעבְּן.

זַיי מִתְפַּלֵל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג, מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אִתּוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע

פון זיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פון דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[דֶער בְּרִיווּ צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**בֶּעטְן מַיין מַאמֶע מִיר נִישְׁט צוּ טְרָאגְן צוּ אַן אוֹיסְגֶעמִישְׁטֶע שְׁווִים בַּאסֵיין?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ בִּין נַיין יָאר אַלְט אוּן מַיין מַאמֶע וויל מִיךְ נֶעמֶען שְׁווִימֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס שְׁווִימֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן. אִיךְ וויל וויסְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן, זָאל אִיךְ אִיר זֵייעֶר בֶּעטְן אַז אִיךְ וויל נִישְׁט גֵיין? אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין שְׁאֵלָה.

זָאג דַיין מַאמֶע מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז דוּ ווילְסְט זִי זָאל דִיךְ טְרָאגְן אִין אַ סְווִימִינְג פּוּל (שְׁווִים בַּאסֵיין) וואוּ מֶען שְׁווִימְט מִיט צְנִיעוּת, מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, נָאר מֶענֶער בַּאזִינְדֶער; דוּ וֶועסְט שְׁווִימֶען מִיט דִי מֶענֶער אוּן זִי זָאל גֵיין מִיט דַיין שְׁוֶועסְטֶער בַּאזוּנְדֶער שְׁווִימֶען בַּיי דִי פְרוֹיעֶן.

כִּיבּוּד אֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט אַ מַאמֶע, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן שֵׁיין זָאגְן אַז מֶען וויל גֵיין שְׁווִימֶען בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֶעמִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, מָשִׁיחַ זָאל

שוֹין קוּמֶען און צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּ דִי תּוֹרָה וֶועג, זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג און רֵיין.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט, שְׁמוּעֶס מִיט אִים יֶעדֶע זַאךְ, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.]

...

**ווִי אַזוֹי שָׁאקְלְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן נַייעֶס, צֵייטוּנְגֶען, און בְּלַאגְס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וויל אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק וָואס דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט מִיר יֶעדְן טָאג דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים.

צְוֵוייטְנְס וויל אִיךְ פְּרֶעגְן וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל זַיין וֶוייניגֶער מְשֻׁעְבָּד צוּ אַלֶע סָארְט וֶועבְּזַייטְלֶעךְ, אִיךְ רֶעד פוּן הֵיימִישֶׁע כָּשֵׁרְ'עֶ וֶועבְּסֵייטְס און בְּלַאגְס, ווִי נַייעֶס און שְׁמוּעֶסְן וְכַדוֹמֶה. אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּאלְד פֶּערְצִיג יָאר אַלְט, אִיךְ וֶוער נִישְׁט יוּנְגֶער, אִיךְ דַארְף שׁוֹין בַּאלְד אָנְהוֹיבְּן טוּן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער, און דֶערְוַוייל פַארְבְּרֶענְג אִיךְ מַיינֶע טֶעג און יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, רוֹב שָׁעוֹת פוּן טָאג קוּק אִיךְ נַייעֶס און נָאךְ, דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיךְ גֶעבְּן אַ עֵצָה ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ לֵיינְט נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְגֶען, בְּלַאגְס וְכַדוֹמֶה; דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַז דִי נַייעֶס

גֵייט אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער, דִי נֵייעֶס דַארְפְן לִיאַרְמֶען פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, זֵיי מוּזְן צוּשְׁטֶעלְן נֵייעֶס - דֶערְפַאר דְרֵייעֶן זֵיי דִי מֹחוֹת מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן; אַלֶע יָארְן גֵייט אִיבֶּער דִי נֵייעֶס אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג, נִישְׁטָא וָואס צוּ לֵיינֶען אוּן נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶערְן, מֶען נַארְט אָפּ מֶענְטְשְׁן, מֶען פַארְדְרֵייט דִי מֹחוֹת פַאר זֵייעֶרֶע אִינְטֶערֶעסְן.

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְזוּכְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֶסְן, מֶען טְרִינְקְט פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וֵויין - עֶקְלְט מֶען זִיךְ פוּן לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן לֵיינֶען בְּלַאגְס; וֶוער עֶס הָאט נָאר פַארְזוּכְט פוּן דִי 'אוּנְגַארִישֶׁע וֵויין' - אִים קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער וֵויין סוֹחֵר, עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי בֶּעסְטֶע וַויין, דִי 'אוּנְגַארִישֶׁע וַויין'. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן דֶער מְשָׁרֵת אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען פַארְזוּכְן אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע אוּנְגַארִישֶׁע וַויין; דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גוּטֶע וַויין.

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז דֶער מְשָׁרֵת אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטֶעלֶע צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט גֶעטְרִינְקֶען וַויין, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי וַויין, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דָאךְ דִי גוּטֶע וַויין, דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין", דֶער מְשָׁרֵת הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען אוֹיךְ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע וַויין, דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין; הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי וַויין, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען דֶערְפוּן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס אַז דִי וַויין אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע וַויין, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוּנְגַארִישֶׁע וַויין", אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, הֲיִתָּכֵן עֶר רֶעדְט אוֹיף דִי וַויין, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אוּן וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס אַז דִי וַויין אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע וַויין, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אוּנְגַארִישֶׁע וֵויין, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ פַארְזוּכְט פוּן דִי גוּטֶע וַויין וְכוּ'".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "לֶעָתִיד כְּשֶׁיָּבוֹא

מָשִׁיחַ", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "אָז יֵדְעוּ כְּשֶׁיִּתְּנוּ יַיִן הַמְשֻׁמָּר", דֶעמָאלְט וֶועט אִיר וִויסְן וֶוען מֶען וֶועט אַייךְ גֶעבְּן פוּנֶעם יַיִן הַמְּשֻׁמָּר, "אֲזַי לַאֲחֵרִים יוּכְלוּ לְהַטְעוֹת וְיִתְּנוּ לָהֶם יַיִן וָואלִיחְשֶׁין סְטְרָאוּוִיצְטֶיר וְיֹאמְרוּ לָהֶם שֶׁהוּא יַיִן הַטּוֹב הַמְשֻׁמָּר", אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיסְנַארְן, מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן סְתָּם וַויין אוּן מֶען וֶועט זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז גוּטֶע וֵויין, דָאס אִיז דֶער יַיִן הַמְּשֻׁמָּר, "אֲבָל לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לֹא יוּכְלוּ לְהַטְעוֹת כִּי אֲנַחְנוּ טָעַמְנוּ הַיַּיִן הַטּוֹב", אָבֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן וַוייל אִיר הָאט שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי גוּטֶע וַויין.

אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - קֶען שׁוֹין נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דִי נַארִישֶׁע בְּלַאגְס, נַארִישֶׁע אַרְטִיקְלֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, "כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", וַוייל מֶען קֶען זִיךְ זֵייעֶר אָפְּנַארְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אֱמֶת, מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: 'אֱמֶת' אִיז 'אֶהְיֶה מֵת', מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ וֶועל בַּאלְד זַיין אַ נִפְטָר, אַ טוֹיטֶער, מַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל אוּן מֶען וֶועט אִיר פְרֶעגְן: "'עָרוּךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ', זָאג וִויפִיל חוּמָשׁ דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, 'עֲרֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ', זָאג וִויפִיל מִשְׁנָיוֹת דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן? וָואס וֶועל אִיךְ זָאגְן? וָואס וֶועל אִיךְ טוּן מִיט אַלֶע אַרְטִיקְלֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט? וִוי וֶועל אִיךְ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בּוּשָׁה?'

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וִוי דָא, אוֹיבְן אִיז חָשׁוּב פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוֹיבְן אִיז חָשׁוּב קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "בָּעוֹלָם הַבָּא מֻנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶּאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ

צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה׳״, דִי נְשָׁמוֹת שְׁרַייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן; מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען. ״וְכֵן מְנַחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד״, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרַייעֶן: ״תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת״, בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, ״וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: ׳הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים׳״, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, ״וְהֵם מְשִׁיבִים: ׳לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל׳״, זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר, ״רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם״, מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כא): ״בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה״, יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אוֹיךְ אִיז דָא אַ שִׁיטָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ל, ח) אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר מַכִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעצְט אִיז אַ צַייט זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אַז ׳נָאךְ אַבִּיסֶל גֵייעֶן מִיר אַהֵיים׳ אוּן זִיךְ אָנְפִילְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וֶוער דִי שְׁרַייבֶּערְס זֶענֶען - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעלֵיינְט זֵייעֶרֶע אַרְטִיקְלֶען, עֶס וָואלְט דִיר נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ שְׁטֵיין מִיט זֵיי אִין וָוארְט אוּן זִיכֶער נִישְׁט זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וָואס טוּט מֶען וֶועט מֶען אַרְבֶּעט מִיט לֵצִים וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן צַדִּיקִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַן אָפִיס צוּזַאמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, אָבֶער זֵיי הַאלְטְן זִיךְ פַאר אוֹיפְגֶעקְלֶערְטֶע, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז עֶס אִיז יָא אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ הָאבְּן אַ

מְדִינָה פַאר מָשִׁיחַ קוּמְט, אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען מִיר כְּסֵדֶר אַז אִיךְ בִּין אַ סַאטְמַארֶער, אַז דֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען רִיכְטִיג, וָואס זָאל אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְט חֲסִידִי'שֶׁע אִינְגֶעלַייט? אַז מֶען גֵייט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל?! מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שְׁטְרַיימְל אוּן וַוייסֶע זָאקְן אוּן זַיין זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט לֵיצָנוּת, מֶען שְׁפֶּעט פוּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועז פַארְן כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען אִיז אִין אַ פְּלַאץ וואו עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ לֵצִים - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֶוערְן נָאנְט מִיט זֵיי אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ טַעֲנָה'עֶן, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יב): "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט אַ בֶּער וָואס קֶען הַרְגְ'עֶנֶען אוּן פַארְצִיקְן, "וְאַל כְּסִיל, בְּאִוַּלְתּוֹ", וִוי צוּ בַּאגֶעגֶענֶען אַ נַאר, אַ לֵץ - וָואס רֶעדְט נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס שְׁפֶּעט פוּן צַדִיקִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם מִיט אִין אַרְבֶּעט אַ זֶעקְל סְפָרִים; אַ חוּמָשׁ'ל, אַ מִשְׁנַיוֹת'ל, אַ תְּהִלִים'ל, אוּן בַּיי דִי לֵיידִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין לֵצִים וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶעג אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָן רְשׁוּת פוּן מַיין ווַייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אִיבֶּער צֶען יָאר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ לֶעבּ זֵייעֶר גוּט מִיט מַיין ווַייבּ, אִיךְ פָאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶעלְף אַסַאךְ אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ רֶעד שֵׁיין, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט כְּסֵדֶר, אוֹיךְ גֶעבּ אִיךְ מִיךְ זֵייעֶר אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵיי אוֹיפְצוּבוֹיעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אִיךְ וויל שׁוֹין פָארְן אוֹיף אוּמַאן פַאר דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר, אָבֶער מַיין ווַייבּ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען אִיךְ זָאל פָארְן. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, אִיר גֶעבֶּעטְן שֵׁיין אוּן אִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אִיר צוּגֶעזָאגְט אַסַאךְ זַאכְן אַז זִי זָאל מִיךְ לָאזְן פָארְן, אָבֶער ווִיבַּאלְד זִי אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אוּן קֵיינֶער פוּן אִיר מִשְׁפָּחָה פָארְט נִישְׁט, אִיז עֶס אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג פוּן דִי אַלֶע יָארְן, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִי זָאל הָאבְּן חַבְרְ'טֶעס פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אָבֶער זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן דֶערְפוּן.

אִיךְ לֶערְן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִיךְ זֶע אַז רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אַז אוֹיף אוּמַאן דַארְף מֶען קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג פָארְן אָן אִיר רְשׁוּת, אוֹיבּ זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז לְמַעֲשֶׂה גֶעבְּלִיבְּן מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ קֶענֶען פָארְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה

לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

גֶעוֶוועגְלִיךְ - זָאגְט מוֹהֲרַנַ"תְ - זָאל מֶען הָאבְּן דִי הַסְכָּמָה פוּן דִי וַוייבּ אוּן נָאר אַזוֹי קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער בַּיי דַיין פַאל וָואלְט מוֹהֲרַנַ"תְ דִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט זָאלְסְט פָּארְן. וַוייל אַז דוּ בִּיסְט אִיר מְכַבֵּד אַ גַאנְץ יָאר, דוּ בִּיסְט אִיר גֶעטְרֵיי, אוּן אַז זִי וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט פָארְן צוּלִיבּ וָואס אִיר מִשְׁפָּחָה הַאלְט נִישְׁט פוּן אַוֶועק פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אַ צַדִּיק - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִיבָּה אוֹיף נִישְׁט פָארְן; הָאסְט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה. פְרֶעג נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת, קוֹיף אַ טִיקֶעט אוּן פָאר קַיין אוּמַאן.

וֶועסְט צוּרִיק קוּמֶען אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט, אוּן אוֹיבּ זִי וֶועט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ אִיר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן, בִּיז עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ וָואךְ אוּן אַלֶעס וֶועט צוּרִיק זַיין וִוי פְרִיעֶר. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דַאנְקֶען גָאט יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִיז נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אַזוֹי בֶּעט מֶען זִיךְ אִיבֶּער; מֶען אִיז זִיךְ מוֹחֵל פַארְן אַוֶועק פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי תְּשׁוּבָה, בְּשָׁעַת מֶען חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מֶען זָאל נָאר פָארְן מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן דִי וַוייבּ; אֱמֶת, מוֹהֲרַנַ"תְ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן מִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס הַאלְט צוּרִיק פוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן - נָאר אוֹיף דִי וַוייבּ, מוֹהֲרַנַ"תְ זָאגְט מֶען מוּז זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אִיר, מֶען טָאר אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, עֶס דַארְף זַיין מִיט אִיר הַסְכָּמָה; אָבֶּער

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט קְלָאר, אוֹיבּ אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן וואוֹיל אַ גַאנְץ יָאר, עֶר אִיז גֶעטְרֵיי, עֶר הֶעלְפְט, עֶר לֶעבְּט אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן דִי וַוייבּ וִויל נִישְׁט עֶר זָאל פָּארְן צוּלִיבּ אִיר מִשְׁפָּחָה - דָארְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אִיר וֵוייךְ מַאכְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פוּן דַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - דַארְף דָאס דִיר מְחַזֵק זַיין, וַוייל וֶוען אַלֶעס גֵייט וִוי מֶען ווִיל - דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן ׳אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי קְדוּשָׁה?׳

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין דִי פָּאר יָאר וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֶעכְצְן יָאר תְּפִיסָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר הָאט אַזוֹיפִיל יְסוּרִים פוּן דִי רְדִיפוֹת וְכוּ׳, שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא״שׁ גֶע׳חָלוֹמְ׳ט וִוי עֶר שְׁטֵייט פַּארְן רֶבִּי׳ן פוּן סַאטְמֶער אוּן דֶערְצֵיילְט אִים פוּן זַיינֶע רְדִיפוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִיזוּק פַאר דִיר, אַז דוּ זֶעסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר יֶעדֶע זַאךְ - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי קְדוּשָׁה. וֶוען עֶס וָואלְט דִיר אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה״; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען.

נֶעם דַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן פוּן דֶעם נֶעם אַרוֹיס חִיזוּק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יב): ״כִּי אֶת אֲשֶׁר

יֶאֱהַב ה׳ יוֹכִיחַ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט דִי שְׁוֶועריקֵייטְן פַאר דֶעם וֶועם עֶר הָאט לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס אִיז מַיין טַאלַאנְט אוֹיף וָואס אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, נַחֲמוּ, י׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז אֵיינֶער פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אַ טַאלַאנְט פוּן מְתַרְגֵם זַיין מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס סְפָרִים אוֹיף אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכְן, אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ טַאלַאנְט פוּן שְׁרַייבְּן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה אוּן אַ דְרִיטֶער מִיט אַ צְוֵוייטֶע טַאלַאנְט, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט זִיךְ אַלֵיין: ׳מַה חוֹבָתִי בְּעוֹלָמִי, וָואס אִיז מַיין טַאלַאנְט אוֹיף וָואס אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן?׳

זָאג אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דַיין זַאךְ אִיז זַיין אַ אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוֶונֶען דְרֵיי תְּפִילוֹת, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה, אוּן טוּן חֶסֶד; דָאס אִיז דַיין פְלִיכְט, מַיין פְלִיכְט אוּן אַלֶעמֶענְ׳ס פְלִיכְט.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט עֶפֶּעס מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס מֶער וְכוּ׳; זַיין אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד, טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיין צוּפְרִידְן, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַנְדֶערֶע.

אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד הָאט גֶעזָאגְט, דִי גְרֶעסְטֶע טַאלַאנְט אִיז, אֵיינֶער וָואס הָאט קַיין שׁוּם טַאלַאנְט אוּן עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אֱמוּנָה - דָאס אִיז הֶעכֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדֶע טַאלַאנְט.

...

## מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים װעט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נָאךְ קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ט׳ בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר זֶענְט צֶעבְּרָאכְן אַז אִיר הָאט פַארְלוֹירְן אַייעֶר סֵדֶר וְכוּ׳, אוּן אִיר ווילְט אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; וְוִיפִיל מִשְׁפָּחוֹת וָואלְטְן גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, וְוִיפִיל מִשְׁפָּחוֹת אִיז זֵיי טוּנְקֶל אוּן פִינְסְטֶער, זֵיי וַוארְטְן פַאר אַ קִינְד, אוּן אִיר הָאט דָאךְ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; דַארְפְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לוֹיבְּן.

צְוֵוייטְנְס זָאלְט אִיר וִויסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אִין אִים - קוּמֶען יְשׁוּעוֹת. קִינְדֶער הָאט נִישְׁט מִיט קַיין דָאקְטוֹירִים, קִינְדֶער הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַייעֶר סֵדֶר וְכוּ׳ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַסַאךְ קִינְדֶער.

אַז מֶען רֶעדְט פוּן הָאבְּן אַסַאךְ קִינְדֶער, דַארְף מֶען וִויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַסַאךְ קִינְדֶער, מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְוִיפִיל קִינְדֶער עֶר גֶעבְּט; מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט וָואס אוּן וְוִיפִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאכְ'ן אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם טֶעבְּלֶעט וֶועסְטוּ זֶען ווִי דוּ וֶוערְסְט מֶער גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דֶעם טֶעבְּלֶעט, דוּ זָאגְסְט דוּ הָאסְט דָאס גֶעטוּן פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', הָאסְט גֶעזֶען ווִי שְׁטַארְק עֶס שְׁטֶערְט אִיר; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ אַלֵיין וֶועסְט וֶוערְן מֶער גֶעזוּנְט, דוּ וֶועסְט הָאבְּן מֶער מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, מִיט דִיר אַלֵיין.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי נֵס אַז דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ קְלוּגֶע וַוייבּ, וָואס זִי הַאלְט דִיךְ אִין פָּארֶעם, זִי וֵוייסְט ווִי צוּ פִירְן אַן עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ; אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט - אִיז אִיר קְרֶעדִיט.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת פוּן פַארְקוֹיפְן וְכוּ'; גֵיי הֲפָצָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע. טֵייל אַיין דִי טָאג, אִינְדֶערפְרִי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוּן נָאכְמִיטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה; מְזַכֶּה זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי זִיסֶע וַואסֶער וָואס קְוֶועלְט פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

...

## דַאוֶוענְ נָאר אִין שׁוּל, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן. יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶע פַאר קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ דָאס טוּן פַאר זֵיי. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לו): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו", וֶוער עֶס הָאט אַ שׁוּל אִינֶעם שְׁטָאט וואוּ עֶר וואוֹינְט אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן אַ גָלוּת לֶעבְּן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין פַארְוָואגְלְט, חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּם אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶּועֶנְען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת. אוֹיךְ, אוֹיבּ הָאסְטוּ פַארְפַאסְט דִי מִנְיָן - זָאלְסְטוּ דַאוֶּועֶנְען אִין שׁוּל. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פָאלְג וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר, נָאר דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם; דַאוֶּוען אִין שׁוּל שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט פַארְפַאסְט דֶעם מִנְיָן.

...

### בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג? פְּרוּבִּירְט דִי עֵצָה, בֶּעטְס יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט״ - וֶועט אִיר קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר.

תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן טֶבַע, עֶס אִיז מְהַפֵּךְ דִי טֶבַע; מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בֶּעטְן, בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט מִיט שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): ״תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה״, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט פְרֵיילִיכְקֵייט, ״הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, זֶענֶען דִי תְּפִילוֹת זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט הֶעלְפְן אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק. דֶער גַבְּאַי אַבָּא חִיָּיא נֵרוֹ יָאִיר וֶוערְט יֶעצְט פַארְנוּמֶען מִיטְן חֵדֶר, עֶר דַארְף הִילְף אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִים הֶעלְפְן.

מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

### הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אִיז הַיינְט דִי אוּרִים וְתוּמִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאט אַ סָפֵק וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל, מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי פְרַאגֶע אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם חשֶׁן, אַזוֹי הָאט מֶען גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, וָואס זָאל מֶען טוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי זִיךְ צוּ פִירְן? וֶועם זָאל מֶען פְרֶעגְן? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אִיז הַיינְט דִי אוּרִים וְתוּמִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ" אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, "שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ" וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֶענִיג, "וְלֹא נָבִיא" אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין נָבִיא, "לֹא כֹהֵן" מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּהֵן, "וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים" אוּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד" מִיר הָאבְּן נָאר תְּפִלָּה, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל

עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", אוֹיף אוּנְז בֶּעט דָוִד הַמֶּלֶךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּ אִים, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיינֶע סְפֵיקוֹת – וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארְקֵייט אִין יֶעדֶע זַאךְ, דוּ וֶועסְט ווִיסְן ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, קוּם זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זֶענֶען מִיר הַיינְט פְרוּמֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג, דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זֶענֶען מִיר אַלֶע הַיינְט פְרוּמֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן. דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען נָאכְן קְרִיג אוּן אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט אִין דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּער. דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי נְבוּאָה פוּן יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא, פוּן דִי עֲצָמוֹת יְבֵשׁוֹת, מַמָּשׁ דִי נְבוּאָה פוּן יְחֶזְקֵאל (יְחֶזְקֵאל לז, ד-ה): "שִׁמְעוּ דְּבַר ה', כֹּה אָמַר ה' אֱלֹקִים לָעֲצָמוֹת הָאֵלֶּה, הִנֵּה אֲנִי מֵבִיא בָכֶם רוּחַ וִחְיִיתֶם"; עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט, אַרַיינְגֶעבְּלָאזְן אֱמוּנָה אִין דִי אִיבֶּערְלֶעבֶּער, זֵיי זָאלְן נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נָאכְאַמָאל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים; ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעווֶען שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעווֶען אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעֲנוֹת, נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן גֶעטְרֵיי ווִי לֵייבְּן פַאר דִי תּוֹרָה.

זַיי נִישְׁט בְּכַעַס אִין שְׁטוּבּ, זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף דַיין ווַייבּ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין בְּכַעַס, דוּ וֶועסְט מַקְפִּיד זַיין – וֶועסְטוּ פַארְלִירְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מ:): "רַגְזָן לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ אֶלָּא רַגְזָנוּתָא", אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ הָאט מֶען נָאר דָאס גֶערֶעגַאכְטְס.

דֶער בֵּית יוֹסֵף בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רצט) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען קְרֶעצִיג, זַיין גַאנְצֶע גוּף אִיז אִים גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁלָאגְן מִיט קְרֶעץ, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז זַיין ווַייבּ גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן פְּרִישֶׁע ווַאסֶער פַאר אִים, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בָּאדְן. זִי הָאט זִיךְ פַארְשְׁמוּעֶסְט מִיט חַבְרְטֶ׳עס, זִי אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אַהֵיים גֶעקוּמֶען. דֶער מַאן אִיז אַרַיין אִין אַ כַּעַס אוּן וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע פַאס ווַאסֶער אוּן דָאס צֶעבְּרָאכְן, דִי ווַאסֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַבִּיסְל אָנְגֶעשְׁפְּרִיצְט; וואוּ עֶס הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט אוֹיף אִים – אִיז דִי קְרֶעץ אַרָאפּ, אוּן עֶר הָאט דֶערְלֵייגְט דִי רְפוּאָה, ווַייל אִין דִי ווַאסֶער פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אִין דֶעם פוּן דִי בְּאֵר פוּן מִרְיָם, וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעבָּאדְן מִיט דֶעם – וָואלְט עֶר גֶעהַאט אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה אוּן פוּן כַּעַס הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְלֵייגְט; דָאס אִיז וָואס דִי חֲכָמִים זָאגְן: "רַגְזָן לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ אֶלָּא רַגְזָנוּתוֹ".

בֶּעט אִיבֶּער דַיין ווַייבּ אוּן הֶער אוֹיף זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; דַיין ווַייבּ אִיז דִיר נִישְׁט שוּלְדִיג אוֹיף גָארְנִישְׁט. אַז זַאכְן גֵייעֶן דִיר שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר – הָאט דָאס נִישְׁט מִיט אִיר, דָאס הָאט מִיט דִיר אַלֵיין; דוּ דַארְפְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען – וֶועלְן דִיר זַאכְן גֵיין כְּסֵדֶר.

מָארְגְן עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶכֶת גִיטִין אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶכֶת קִידוּשִׁין; אַ שָׁאד אַ טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

## גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן אַ בִּיטֶערֶער מֶענְטְשׁ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אַרוּם צוּ גֵיין דֶערְבִּיטֶערְט וְכוּ', גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט לַיידְן אַ בִּיטֶערֶער מֶענְטְשׁ; דֶער וָואס קְרֶעכְצְט שְׁטֶענְדִיג, וֵויינְט אוּן דֶערְצֵיילְט זַיינֶע צָרוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - אַלֶע וֶועלְן פוּן אִים אַנְטְלוֹיפְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן יֶענֶעמְ'ס צָרוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): "טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים לִשְׁמוֹעַ", גוּטֶע זַאכְן ווִילְן אַלֶע הֶערְן; זָאלְסְטוּ נָאר דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְקְרֶעכְצְן.

עֶס אִיז גֶעוֶועןן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, אָבֶּער טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן אֵיינֶעם זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר נָאר גוּטְס".

הַיינְט עֶנְדִיגְט מֶען מַסֶכֶת גִּיטִין אוּן מָארְגְן הוֹיבְּט מֶען אָן מַסֶכֶת קִידוּשִׁין; זַיי קְלוּג, כַאפּ זִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן. לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ בְּגִירְסָא, אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", בַּיים סוֹף וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן פוּן הַיינְט מָאנְטָאג שׁוֹפְטִים - פִיר וָואכְן, אַ גַאנְצֶע פְלִיגֶער תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. יֶעצְט הֵייסְט עֶס מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אִין פּוֹילְן אִין לִיזֶענְסְק בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און פון דָארְט וֶועלְן מִיר פָּארְן צום רֶבִּי׳ן. קויף דו אויך אַ טִיקֶעט און קום צום רֶבִּי׳ן; זוֹכֶה זַיין צו קוּמֶען צום רֶבִּי׳ן - קוּקְט מֶען נִישְׁט אויף גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמְט צו יֶעדְן בְּרִית, און מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית בַּיי מַיין אֵיינִיקֶל, אַ זוּן פוּן מַיין אֵיידֶעם נְתַנְאֵל שְׁלִיטָ״א. מַיין שְׁוֶוער הָרַב ר׳ מָרְדְכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ״א אִיז גֶעוֶוען דֶער סַנְדָק, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת און גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען ׳יְחֶזְקֵאל׳, נָאךְ מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. מַיין זֵיידֶע הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען קַיין אוּמַאן אַלְס בָּחוּר צְוֵויי מָאל; אֵיין מָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט אִים, און אַ צְוֵוייטֶע מָאל מִיט אִים - אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א.

בַּיי דִי בְּרִית הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, מֶען וִוינְטְשְׁט: ״כְּשֵׁם שֶׁנִכְנַס לַבְּרִית, כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים״, ׳כְּשֵׁם׳ מִיטְן נָאמֶען וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר׳ן קִינְד - בַּיים בְּרִית, ׳כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים׳ - דָאס זָאל אִים הֶעלְפְן צו לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בַּמִּדְבָּר) אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִיק הֶעלְפְט, ״שֶׁיִּהְיֶה גַם כֵּן צַדִיק״, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אויךְ זַיין אַ צַדִיק, ״מַחֲמַת שֶׁנִתְעוֹרֵר הָאוֹר שֶׁל הַצַּדִיק שֶׁהוּא בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן״, דָאס וֶועקְט אויף דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק אוֹיבְן אִין הִימְל.

אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דֶער

גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי שְׁלֹמֹה קְלוּגֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי אַ בְּרִית, אוּן מֶען הָאט זִיךְ דָארְט זֵייעֶר פַארְזוֹימְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וַוארְט מֶען?" הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד גוֹסֶס'ט אוּן מֶען וַוארְט אַז דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד זָאל שְׁטַארְבְּן, מֶען זָאל קֶענֶען גֶעבְּן אַ נָאמֶען פַארְן קִינְד נָאךְ זַיין טַאטֶע. הָאט דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס מִיט עֶנְק גֵייט פָאר, מַאכְט שׁוֹין דֶעם בְּרִית, אַזוֹי וֶועט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא קוּמֶען צוּ גֵיין אוּן מֶען וֶועט אוֹיסְבֶּעטְן פַאר דִי חוֹלֶה עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה", וְכַךְ הֲוָה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרִית אוּן מֶען הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ רְפוּאָה פַארְן טַאטְן פוּנֶעם רַךְ הַנִּמּוֹל, בִּיז דְרֵיי טֶעג אִיז עֶר שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיינֶע פִיס; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אַ בְּרִית.

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא קוּמְט צוּ יֶעדֶע בְּרִית אוּן מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען בַּיים בְּרִית - אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, דַארְף מֶען וִויסְן - אַז גְלֵייבְּן אִיז מֶער וִוי זֶען, אַז מֶען גְלֵייבְּט אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי אַ בְּרִית אִיז דָאס נָאכְמֶער וִוי זֶען. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער נוֹדַע בִּיהוּדָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אֵיינְמָאל פֶּסַח בַּיים סֵדֶר נָאךְ 'שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ' - אַרָאפְּבַּאגְלֵייט בִּיזְן גַאס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן אִים בַּאגְרִיסְט: "גוּט יוֹם טוֹב!" וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם סֵדֶר הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיר מֵיינְט אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאגְלֵייטְן? אִיךְ וֶועל עֶנְק זָאגְן, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעזֶען אוּן דָאךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען בַּאגְלֵייטְן, וַוייל אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶר אִיז דָא, אוּן גְלֵייבְּן אִיז נָאךְ מֶער פוּן זֶען".

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז יֶעצְט אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי. עֶר גֵייט אַלֶע יָארְן פוּן נָאךְ ט' בְּאָב בִּיז א' סְלִיחוֹת אִין מִירוֹן, עֶר אִיז דָארְט מִיט מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ'. עֶר גְרֵייט זִיךְ דָארְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אַזוֹי וִוי מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט טוּן; זִיצְן פוּן נָאךְ ט' בְּאָב בִּיז א' סְלִיחוֹת בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, זֶה הַקָּטָן גָּדוֹל יִהְיֶ', כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לִבְרִית

כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, און אַלֶע זָאלְן זֶען יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת.

מָארְגְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ טָאג פון תְּשׁוּבָה, מֶען טְרֶעט אַרַיין אִין דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת. דִי טֵייעֶרֶע סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן הוֹיבְּן שׁוֹין אָן זָאגְן סְלִיחוֹת, זֵיי זָאגְן גַאנְץ אֱלוּל סְלִיחוֹת. מִיר דַארְפְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיפְוֶועקְן און תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר וֶועלְן מָארְגְן זָאגְן אִינְאֵיינֶעם יוֹם כִּיפּוּר קָטָן מִיט מִנְחָה, אוּם אַכְט אַזֵייגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְן שְׁנֶעל, און נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דְרֵייוְון

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פָּארְן שְׁנֶעלֶער וִוי מֶען מֶעג, און אוֹיךְ נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען דְרֵייוְוט. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן בִּכְלָלִיוּת, און בִּפְרָטִיוּת אִין שְׁטֶעטְל, מֶען זָאל הַאלְטְן דִי גֶעזֶעץ, מֶען זָאל נִישְׁט פָּארְן שְׁנֶעל און נִישְׁט הַאלְטְן דֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דְרֵייוְון, און אוֹיבּ מֶען זֶעט אֵיינֶעם פָּארְן שְׁנֶעל זָאל מֶען יֶענֶעם פָּארְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דִי גֶעזֶעץ קֶען מֶען הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי וֶועגְן אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען גֶעדְרֵייט און שְׁמָאל, מֶען דַארְף פָּארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל צוּ הַאלְטְן זוֹיבֶּער אַרוּם דִי שְׁטוּבּ און אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי מִיסְט זָאל זַיין גוּט פַארְפַּאקְט, עֶס זָאל זַיין זוֹיבֶּער און רֵיין.

בֶּעט אִיבֶּער יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל נָאר דוּרְךְ שָׁלוֹם מַאכְט מֶען רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט - פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה פוּן דִי פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַזוֹי גֵייט עֶס, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי זַאכְן זָאלְן זִיךְ רוּקְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן אוּן מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן זָאגְן הַיינְט בַּיי מִנְחָה (תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל כז): "לְדָוִד ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי"; בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג צוּ זָאגְן לְדָוִד ה' בַּיי שַׁחֲרִית נָאכְן יוֹם אוּן בַּיי מִנְחָה - נָאךְ חֲזָרַת הַשַׁ"ץ, אֵיידֶער קַדִישׁ תִּתְקַבֵּל, אוּן מֶען זָאגְט דָאס בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דָאס וָואס דוּ בִּיסְט מְיוּאָשׁ, אַז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, דוּ בֶּעטְסְט אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי עֶס גֵייט נִישְׁט, עֶס רוּקְט זִיךְ נִישְׁט, אַדְרַבָּה דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְרַבָּה, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס

גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן און עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער, נֶעם דִי וֶוערְטֶער פַאר חִיזוּק, אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וִוי מֶען הֶערְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס און מֶען אִיז זֵיי מְרַחֵק. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (שָׁם): "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶוענְט און גֶעבֶּעטְן, אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶפֶּענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין לִינְדֶען נְיוּ דְזֶשֶׁערְסִי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לִינְדֶען**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט מִיר זָאלְן עֶפֶּענֶען אִין לִינְדֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אַ שֵׁיינֶע צָאל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט הַייזֶער אִין לִינְדֶען נְיוּ דְזֶשֶׁערְסִי אוּן נָאךְ אִינְגֶעלַייט קוֹיפְן יֶעצְט דָארְט הַייזֶער, דַארְפְן מִיר עֶפֶּענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען צוּ עֶנְקֶער חַבּוּרָה, אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועלְן מִיר קֶענֶען עֶפֶּענֶען מוֹסְדוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

נֶעם דִי פְּלַאץ פוּן דַיין חָבֵר וָואס וִויל דִיר גֶעבְּן זַיין בֶּעיסְמֶענְט פַאר הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, אוּן פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט דִי גַבָּאִים אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן מִיט טִישְׁן אוּן בֶּענְקֶלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

**עֶרְקְלֶערְן פַאר דִי וָואס קוֹיפְן אַ הוֹיז, וִוי אַזוֹי זַאכְן אַרְבֶּעטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זֶען אַז דִי אַלֶע וָואס קוֹיפְן דִירוֹת בַּיי שַׁבְתִּי זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן, מַאךְ דָאס בֶּעסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט; אַוַדַאי וֶועט מֶען הָאבְּן טַעֲנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַן אֹזֶן קַשֶּׁבֶת, מֶען קֶען צוּ אֵיינֶעם רֶעדְן - פַארְמַיידְט מֶען מַחֲלֹקֶת.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט עֶרְקְלֶערְן פַּאר דִי אַלֶע וָואס קוֹיפְן דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי זָאלְן וִויסְן דִי זַאכְן וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעווְאוֹינְט פוּן פַּארְדֶעם. ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן קֵיין וֵוייפְּס אִין בֵּית הַכִּסֵא; דִי וָואס קוֹיפְן - קוּמֶען פוּן שְׁטָאט, דָארְט לֵייגְן מֶענְטְשְׁן וֵוייפְּס אִין טוֹילֶעט, אָבֶער בַּיי אַ סֶעפְּטִיק, אַז מֶען לֵייגְט וֵוייפְּס - וֶוערְט אַ שָׁאדְן, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוערְט אַ בֶּעק-אָפּ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דִי טַעֲנוֹת גֵייט אוֹיף שַׁבְּתִי; אֵיי וָואס הָאט עֶס מִיט אִים, הָאבּ טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר אַלֵיין? אַזוֹי גֵייט עֶס.

אַזוֹי אוֹיךְ, נִישְׁט אַלֶע נֶעמֶען אִין אַכְט אַז מֶען דַארְף טוֹישְׁן דִי פִּילְטֶער בַּיי דִי עֵירְקָאנְדִישְׁן אוּן נָאךְ אַ יָאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי מַאשִׁין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דִי טַעֲנוֹת גֵייט אוֹיף שַׁבְּתִי; אֵיי וָואס הָאט עֶס מִיט אִים, הָאבּ טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר אַלֵיין? אַזוֹי גֵייט עֶס.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי נֵייעֶ הַייזֶער וָואס דִי שְׁטָאט פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל דָאס אִינְגַאנְצְן פַארְמַאכְן, אוּן נָאכְן פְּלֶעסְטֶערְן וֶוערְט דִי לוּפְט אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער אוּן מֶען דַארְף אִין אָנְהוֹיבּ לֵייגְן אַ מַאשִׁין וָואס צִיט אַרוֹיס דִי נַאסְקֵייט, אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט דָאס זָאגְן, וַוייל אַז נִישְׁט וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן שִׁימְלֶען זַאכְן אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דִי טַעֲנוֹת גֵייט אוֹיף שַׁבְּתִי; אֵיי וָואס הָאט עֶס מִיט אִים, הָאבּ טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר אַלֵיין? אַזוֹי גֵייט עֶס.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז כְּדַאי צוּ זָאגְן פַּאר אַלֶע וָואס קוֹיפְן הַייזֶער, זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין עֶס זָאל קוּמֶען גוּטֶע וַואסֶער פוּן קְוָואל, וַוייל עֶס פַּאסִירְט בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס קוּמְט שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסֶער זִיךְ; מֶען הָאט גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז, מֶען הָאט גֶעבָּארְגְט גֶעלְט, מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן מֶען וֶוערְט פַארְוֵוייטָאגְט; אִיז גוּט זָאלְסְט דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן.

אַז עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגֶען צוּ זֵייעֶר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן אַז מֶען וֶועט זִיךְ קְרִיגְן, מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן לַיידְן - ווִיל אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ חַיוּת אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפַאלְט אִינֶעם טָאג ח״י אֱלוּל, דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ חַיוּת אִין אֱלוּל; וַוייל בִּיזְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מֶען תְּשׁוּבָה גֶעטוּן פוּן פַּחַד פוּן עוֹנְשִׁים, מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר פוּן צִיטֶערְן פוּן בִּיטֶערֶע פַּיין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט ח״י אֱלוּל - אַ ׳חַיוּת׳ אִין ׳אֱלוּל׳, מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט. דֶער דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, אוּן דֶרֶךְ הַמּוּסָר אִיז תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה; חַ״י אֱלוּל - אַ חַיוּת אִין אֱלוּל.

אֵיינֶע פוּן דִי רְמָזִים אִינֶעם וָוארְט אֱלוּל אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִ׳ישׁ לְ׳רֵעֵהוּ וּ׳מַתָּנוֹת לָ׳אֶבְיוֹנִים. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי עֲבוֹדָה פוּן אֱלוּל אִיז מַרְבֶּה זַיין לִיבְּשַׁאפְט, זִיךְ מוֹחֵל זַיין, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זִיךְ פַארְגִינֶען; כָּל זְמַן מֶען הָאט פַיינְט אַ צְוֵויטְן אִיד - אִיז מֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן תְּשׁוּבָה. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט: ״אָדָם יָכוֹל לָקוּם בַּחֲצוֹת״, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, ״וּלְהִתְבּוֹדֵד״, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְלִלְמוֹד״, אוּן לֶערְנֶען, ״לַעֲשׂוֹת עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת״, אוּן טוּן שְׁטַארְקֶע עֲבוֹדוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ״אֲבָל הוּא שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת״, אוֹיבּ הָאט עֶר פַיינְט אַ צְוֵויטְן, ״עַל לֹא דָבָר״, פַאר גָארְנִישְׁט, ״אֲזַי לְמַעְלָה בַּשָּׁמַיִם צוֹחֲקִים מִכָּל עֲבוֹדוֹת הַקָּשׁוֹת שֶׁלּוֹ״, אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ״וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ״, אוּן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים, "אֵיךְ אֲקַבֵּל אֶת הָעֲבוֹדוֹת שֶׁלְּךָ", וְוִי אַזוֹי ווילְסְטוּ אִיךְ זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע עֲבוֹדוֹת, "בְּשָׁעָה שֶׁאַתָּה שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת", וָוען דוּ הָאסְט פַּיינְט אַ צְוֵויטְן, "וְעוֹבֵר עַל (וַיִּקְרָא יט, יז) 'לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ'", (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק לט, מִכְתָּב ו' תשט).

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן - וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגֶען אוֹיף זַייעֶרֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט - ווִיל אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## פִירְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

אִיךְ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט מֵיינֶען אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועק גֶעדְרֵייט פוּן דִיר אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעזֶעגְנְט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט מַיין שְׁטוּבּ; בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר - בִּיסְטוּ שׁוֹין גֶעפָארְן צוּם עֶירְפָּארְט.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, וְוִי צוּ פִירְן דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ אוּן לוֹיט דִי וֶועג וְוִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּם מַגִּיד שִׁיעוּר ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל עֶר זָאל פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי בָּחוּרִים זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה; יֶעדֶער בָּחוּר מוּז עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט. אוֹיבּ דִי בָּחוּרִים ווִילְן דָאס מַאכְן אִינְאֵיינֶעם מִיט הַפָּצָה - אַשְׁרֵי לָהֶם, אוּן אַז דֶער בָּחוּר קֶען זִיךְ נִישְׁט זֶען גֵיין הֲפָצָה -

מוּז עֶר נָאכְאַלְץ צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט. דִי יְשִׁיבָה אִין אַמֶעריקֶע שְׁטֵייט שׁוֹין זֶעכְצֶן יָאר, דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה דִי אַלֶע הָאבְּן מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"ש אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט.

אוֹיךְ זָאג דֶעם מַגִיד שִׁיעוּר עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי בָּחוּרִים וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן; יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען גוּט אוֹיסְבֵּייגְן דִי מִידוֹת צוּם גוּטְן. קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן לִיבּ וֶוען מֶען לֶערְנְט זֵיי דִי וֶועג ווִי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בַּאצָאלְן פַאר דִי שֵׁיינֶע ווַייסֶע זַיידֶענֶע קַאפְּל וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט לְכָבוֹד רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶערְמַאן מִיךְ אִין אוּמַאן, אִיךְ ווִיל דִיר בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז צַייט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הָארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען בְּלָאזְט שׁוֹין שׁוֹפָר, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין דֶערְוֶועקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן לט) אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל: "הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר; שְׁפֶּעטֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר מַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט: 'טַאטֶע, הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר'", הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קמא):

אויף די ווערטער פונעם פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ו): "אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב", וואס איז נוטריקון דאס ווארט "אֱלוּל"; ווען א מענטש איז זוֹכֶה און ער שפירט זיינע זינד, ער כאפט וואס ער האט אלץ געטון און ער טוט תְּשׁוּבָה דערויף, דעמאלט אלע זיינע קינדער - סיי די קינדער, און סיי די קינדער וואס זענען נעבעך באשאפן געווארן פון זינד - פְּגָמֵי הַבְּרִית - אלע טוען תְּשׁוּבָה.

נעכטן לֵיל שִׁשִּׁי איז געווען זייער א שיינע שיעור, איך האף דו האסט גוט געהערט וואס מיר האבן גערעדט, פון ארויסנעמען די פיינטשאפט פון הארץ; ווייל כָּל זְמַן מען קען נישט ליידן א צווייטן - איז מען נאך זייער ווייט פונעם אייבערשטן, מען דארף אויף דעם אסאך ארבעטן, מען דארף אסאך שרייען ביי התבודדות: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וואס איז דאס אז איך בין אנגעגעסן אויף דעם און אויף יענעם? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וואס איז דאס אז איך קען נישט קוקן א צווייטן איד אין פָּנִים? וואס איז דאס אז איך האב פיינט א צווייטן?"

מוֹהֲרַנְ"ת זאגט, אלע עֲבוֹדוֹת וואס מען דינט דעם אייבערשטן, אויב האט מען פיינט א צווייטן איד - לאכט מען אין הימל פון דעם איד, יעצט אֱלוּל מוז מען דאס פארעכטן. מוֹהֲרַנְ"ת ברענגט בְּשֵׁם דעם הייליגן אֲרִיזַ"ל, די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פון שׁוֹפָ"ר איז (דְּבָרִים כט, יז): "שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה", פרעגט מוֹהֲרַנְ"ת, לכאורה וואס האט דער פָּסוּק מיט בלאזן שׁוֹפָר? נאר רַשִׁ"י זאגט, וואס איז דאס שֹׁ'רֶשׁ פֹּ'רֶה רֹ'אשׁ וְ'לַעֲנָה? "שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם"; דאס הייסט, ווען מען הערט דעם שׁוֹפָר - דארף דאס אויפוועקן דעם מענטש ער זאל תְּשׁוּבָה טון, ארויסנעמען דאס רִשְׁעוּת וואס ליגט אין אים וְכוּ', ער זאל אנהייבן קוקן גוט אויף אנדערע און טון נאר חֶסֶד מיט אנדערע.

נעכטן בין איך געזיצן א סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מיט אונזערע טייערע כּוֹלֵל אינגעלייט, איך געדענק מיין זיידע קארלסבורגער רב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פלעגט מאכן יעדע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ א סְעוּדָה מיט די כּוֹלֵל אינגעלייט. איך בין זייער איבערגענומען פון די כּוֹלֵל אינגעלייט, זיי לערנען מיט גרויס הַתְמָדָה און פירן זיך מיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל טוּן הֲפָצָה, יֶעדֶער לוֹיט זַיין בְּחִינָה אוּן לוֹיט זַיינֶע כֹּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ עֶנְק, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר וֶועלְן זִיךְ זֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גַאסְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער מְנַהֵל הַמּוֹסְדוֹת אִיז גֶעקוּמֶען פַאר אַ בַּאזוּךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי שֵׁיין עֶס פִירְט זִיךְ דִי חֵדֶר, סַיי אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן סַיי אִין טְבֶרְיָה, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דִי נֵייעֶ חֵדֶר וָואס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי וָואךְ אִין בְּנֵי בְּרַק; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן וִוי שֵׁיין עֶס אִיז בַּיי עֶנְק, וִוי שֵׁיין עֶנְק גֵייעֶן אָן.

אִיךְ וִויל עֶנְק אַלֶע בֶּעטְן, זַייט אַייךְ מְחַזֵק אִין דִי זַאךְ פוּן הֲפָצָה; יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל אַלֵיין עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - יֶעדֶער לוֹיט זַיין בְּחִינָה אוּן לוֹיט זַיינֶע כֹּחוֹת, וַוייל מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי פְרֶעגְן דִי פְרַאגֶע וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: ״אוֹיבּ אִיר זֶענְט דָא, פַארְוָואס אִיז נִישְׁט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דָא? אוּן אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁטָא, פַארְוָואס זֶענְט אִיר יָא דָא?״ אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע עֵצוֹת וִוי זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין, גוּטֶע עֵצוֹת וִוי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיז וָואס אִיז מִיט דִי וֶועלְט, פַארְוָואס בְּרֶענְגְט מֶען דָאס נִישְׁט אַרַיין אִין אַנְדֶערֶע?!

נָאךְ אַ טוֹבָה וויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, רֶעדְט שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַ וַוייבּ, מֶען קֶען נִישְׁט וָוארֶענֶען, סְטְרַאשֶׁען וְכוּ׳; מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן זֵיי הַאלְטְן טֵייעֶר (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד), דָאס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן בְּרָכָה.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, אֱלוּל אִיז אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה; וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? מֶען זָאל זַיין צוּפְרִידְן ווי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אוּן מַאכְט אַלֶעס; תְּשׁוּבָה אִיז, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַּרְעוּמוֹת אוֹיף אִים.

מַאכְט אַייךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אִין דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; דִי סְפָרִים בּוֹיעֶן אוֹיף אַ קְלָארֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים וֶוערְט מֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...